# ווער עס אַרבייט פאַר'ן טייפעל

דער אשמדאי, דער מלך פון אַלע שדים, איז געזעסען אין זיין קאַנצעלאַריע אין גיהנום און פאר איהם זיינען געשטאַנען איינינע פון זיינע שלוחים, וועלכע זיינען ערשט געקומען פון דער ווייסער וועלט איהם אָבצוגעבען אַ בעריכט וועגען דעם אויב זיין פינסטערע מאַכט ווערט שטאַרקער, אָדער שוואַכער.

די שלוחים, אמת'ע טייוואָלים מיט קעלבערנע עקלעך און היה־נערשע פיסלעך, זיינען געקומען איינציגווייז און אָבגעגעבען זייערע בעריכטען צום אשמדאי.

„איך קום פון אַ שפּאַציער איבער דער ערד", האָט געזאָגט דער ערשטער, „וואו איך בין פיעל ארומגעגאַנגען, און איך האָב דאָרט געזעהען, אז מענשען זיינען ניט אָרענטליך. אונזער גרויסער שונא, דער יושר, איז כמעט ווי אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. אויפ'ן ערד־קוגעל הערשען נור שווינדעל און בעטרוג. דער שטאַרקער דריקט דעם שוואַכען, און דער שוואַכער דעם וואָס איז שוואַכער פון איהם. אונעהרליכקייט בעהערשט די גאַנצע וועלט".

„דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה", האָט געזאָגט דער קעניג פון די טייוואָלים. „איך הער דאָס שוין זייט טויזענדער יאָהר. עס האָט מיר שוין זיך צוגעגעסען צו הערען אימער דאָס זעלבע. אפשר האָסטו עפּעס נייעס?" האָט ער זיך געווענדעט צו אַ צווייטען.

דאַן האָט דער צווייטער גענומען דאָס וואָרט.

„איך קום פון אַ שפּאַציער איבער דער ערד, וואו איך בין פיעל ארומגעגאַנגען, און איך האָב דאָרט געזעהען, אז אונזער גרויסער שונא דער אמת עקזיסטירט שוין ניט מעהר. זיין פּלאַטץ האָבען פערנומען ליגען און פאַלשקייט. עס איז זעלטען יעצט צו געפינען אַ מענשען וואָס זאָל וועלען זאָגען אַן אמת אויף אַן אנדערען, אָדער וואָס זאָל וועלען הערען אַן אמת וועגען זיך. דער סוחר זאָגט לי־גענס, דער גייסטליכער זאָגט ליגענס; ליגענס ווערען פערשפּרייט

דורך וואָרט און שריפט. עלטערע קאָרמענען זייערע קינדער מיט ליגענס נאָך פון זייער קינדהייט אָן, און די קינדער לערנען זיך שנעל אויס צו בעלוינען זייערע עלטערן מיט בעסערע און גרעסערע ליגענס. דער מאַן זאָגט ליגענס צו זיין פרוי און די פרוי צום מאַן. מיט איין וואָרט: דער שקר איז יעצט דער איינציגער הערשער אויפ׳ן ערד־קוגעל."

„זאבאָבענעס!" האָט אויסגערופען דער אשמדאי. „אַלץ די זעלבע אַלטע מעשה!" ער האָט צוגערופען א דריטען פון זיינע משולחים, און איהם געפרעגט וואָס האָט ער געזעהן. דער דריטער האָט אָנגעפאַנגען בזה הלשון:

„איך קום פון אַ שפּאַציער איבער דער ערד וואו איך בין פיעל ארומגעגאַנגען, און איך האָב דאָרט געזעהן, אז מענשען האָבען פערלאָרען זייערע קעפּ און זיינען געוואָרען פאַנאַטיקער. יעדער איז פערגלויבט אין זיינע אייגענע השגות און ער קעמפּפט מיט פייער און שווערד געגען יעדען וואָס איז ניט איינפערשטאַנדען מיט איהם. קיין מענש וויל ניט פערשטעהן זיינע מיטמענשען. זיי זיינען אַלע טויב געוואָרען צום פערשטאַנד, צו איבערלייגונג. דער פריידענקער פערפאָלגט דעם גלויביגען נאָך מעהר ווי דער גלויביגער איהם. טאָלעראַנץ איז אין גאַנצען פערטריבען געוואָרען פון דער וועלט. עס הערשען נור די היטץ־קעפּ מיט זייער פאַנאַטיזם."

„אַלט, אַלט, אַלט!" האָט אויסגערופען דער אשמדאי. „אימער די זעלבע! מיינע טייוואָלים האָבען זייט די לעצטע עטליכע טויזענד יאָהר גאָרנישט אויפגעטהאָן אויף דער ווייסער וועלט. אַלץ די זעלבע שווינדלער, ליגנער, און פאַנאַטיקער! עפּעס נייעס האָט איהר, טייוואָלים, געדאַרפט ענטדעקען. דיזע זאכען זיינען געווען גוט פאַר די אמאָליגע דורות, אָבער יעצט לעבען מיר דאָך עפּעס אין צוואַנציגסטען יאהרהונדערט! — נו, לאָמיר זעהן וואָס דו האָסט צו זאָגען!" האָט ער אויסגערופען צו אַ פיערטען פון זיינע שלוחים.

„איך קום פון אַ שפּאַציער אויף דער ערד, וואו איך בין פיעל ארומגעגאַנגען", האָט דער פיערטער אָנגעפאַנגען מיט דער זעלבער הקדמה." און איך האָב דאָרט געזעהן, אז די מענשען זיינען געזונקען אין אונוויסענהייט. אין אמעריקא, וועלכע רעכענט זיך אלס איינע פון די פּראָגרעסיווע לענדער אין דער וועלט, האָב איך גע-

זעהן נײע רעליגיעזע סעקטען שפּראָצען אַרױס יעדען יאָהר, און דער גלױבען אין מכשפים און װאַהרזאָגערס איז שטאַרק פֿערברײט. די ערד איז פֿול מיט דומהײט אַזױ װי דער ים איז פֿול מיט װאַסער."

„דומהײט, האַ־האַ־האַ!" האָט דער אשמדאי זיך צולאַכט.

„װאָס איז דאָס פֿאַר אַ נײעס? דומהײט איז אַזױ אַלט װי די װעלט! גװאַלד, איך האַלט ניט אױס! האָט װירקליך קײנער מיר קײן נײעס ניט געבראַכט, כאָטש עטװאָס אַ ברעקעלע גוטע נײעס?"

דאַן האָט אַ פֿינפֿטער גענומען דאָס װאָרט:

„איך קום יעצט פֿון אַ שפּאַציער איבער דער ערד, װאו איך בין פֿיעל אַרומגעגאַנגען, און איך האָב דאָרט געפֿונען אַ נײעם זאָרט מענשען, װאָס װילען אױסבעסערען די װעלט. זײ רופֿען זיך רעפֿאָרמער און זײער צװעק איז אַרײנצוזוכען דעם נאָז אין פֿרעמדע געשעפֿטען, זוכען חטאים, און צװינגען מענשען צו זײן גוט און פֿרום. די רעפֿאָרמער גלױבען, אַז דער עיקר איז צו מאַכען, אַז אַנדערע זאָלען זײן גוט און פֿרום. זײ גלױבען, אַז זײ טהוען אױף אַזױ פֿיעל פֿאַר דער װעלט, דאָס זײ אַלײן זײנען פּריװעליגירטע פּערזאָנען, און זײ ערלױבען זיך דאָס װאָס זײ פֿערבאָטען אַנדערע. דער עיקר איז בײ זײ דער אײנפֿלוס אױף אַנדערע, ניט די אײגענע אױפֿפֿיהרונג. אָפֿטמאָל מאַכען זײ אַ ליאַרם, טרײבען אַרױס חטאים פֿון זײער מיטע, און דער עולם רוהט זיך דערװײל אָב אַ ביסעל, אום צו קענען נאָכדעם בעגעהן גרעסערע חטאים מיט מעהר לעבעדיגקײט און מעהר פֿרישקײט. די רעפֿאָרמער זײנען אונזערע ריכטיגע פֿרײנדע, װעלכע העלפֿען אױפֿצוהאַלטען די מאַכט פֿון דײן מאַיעסטעט, גריסער אשמדאי, אױף דעם ערד־קוגעל."

„בראַװאָ!" האָט אױסגערופֿען דער אשמדאי. „דו האָסט מיך נײ בעלעבט. יעצט װײס איך, װער עס אַרבײט פֿאַר מיר געטרײ!"